STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06526

# MENTSHN

Ben Gold

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענטשן



יוסף באָרוכאָוויטש

גע׳ווידמעט

דעם אָנדענק פֿון

## יוסף באָרוכאָוויטש און משה לאַנגער

מיינע באַליבטע

פֿריינט און חברים,

וועלכע האָבן

געגעבן זייער לעבן

אין קאַמף

פֿאַר אַ בעסערער

און שענערער וועלט.



משה לאַנגער



# מענטשן

דערציילונגען

פֿון

## בען גאָלד

אילוסטראַציעס געצייכנט פֿון

**וויליאַם גראָפּער**

אַרויסגעגעבן פֿון

**נאָדל טרעידס אַרבעטער־קאָמיטעט**

אַקטיווע טוער פֿון פֿאָריער, קלאָוק־מאַכער, דרעס־מאַכער, שניידער, מילינערי
אַרבעטער און טרעיד ברענטשעס פֿון א. פֿ. פֿ. אָ. 267, 317, 322 און 409.

MENCHEN
Copyright, 1948, by
Ben Gold, New York, N. Y.

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA

199

# אינהאַלט:


I. אַ „ראָיאַל פלאָש“ ........ 8
דזשאַני ........ 34

II. פּאָול ........ 58
דאָס גרויסע הויז ........ 72
דאַנקבאַרקייט ........ 81
צוריק צו דער אַרבעט ........ 87
טעג אין טורמע ........ 98

III. דער „בויאַן“ ........ 124
דער אַלטער מאַן ........ 131
יאָסל ........ 142
טשאַרלי ........ 160
דער וואַקלער ........ 171
„סקעבקע“ ........ 184
מלחמה־קרבנות ........ 190
פינצטערניש ........ 199

IV. גרשון האַנדלמאַן ........ 206
אַ טעות ........ 215
דער מינק־מאַנטל ........ 228
אַזאַ אָנשיקעניש ........ 238
טאָ ווער איז משוגע ? ........ 245
אַ פּלאַן צו ראַטעווען די וועלט ........ 251

# טעג אין טורמע

שפּעט נאָכמיטאָג האָבן עטלעכע באַוואָפנטע וועכטער אין אַ לאַנגן, שמאָלן אויטאָמאָביל געפירט אונדז פון געריכט צו דער גרויסער טורמע פון דער שטאָט ד.

די שווערע אייזערנע טירן פון אויטאָמאָביל זענען געווען פאַרשלאָסן פון דרויסן. אינעווייניק זענען זעקס פאַרלעך געזעסן געשמידט אין קייטלעך. די לינקע האַנט פון איינעם און די רעכטע האַנט פון דעם צווייטן זענען געווען איינגעשלאָסן אין שטאָלענע רינגען, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט אַ שטאָלענער קייט.

דריי פאַרלעך זענען געזעסן אויף איין לאַנגער באַנק פון דעם אויטאָמאָביל, און די אַנדערע דריי פאַרלעך זענען געזעסן אויף דער צווייטער באַנק אַנטקעגן. פיר באַוואָפנטע היטער זענען געזעסן אויף די בענק, צו צוויי אויף אַ באַנק. זייערע הענט האָבן זיי געהאַלטן גרייט אויף די רעוואָלווערן, וואָס האָבן געשטעקט אין לעדערנע בייטעלעך און זענען געהאַנגען אויף זייערע דיכן.

דער אויטאָמאָביל איז געפלויגן. יעדעס מאָל, וואָס דער טרייבער האָט אַ קירעווע געטאָן דעם אויטאָ אויף לינקס אָדער אויף רעכטס, האָבן מיר זיך אימפּעטיק געוויגט, און זענען שיער ניט אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון אונדזערע פּלעצער. ניט ווילנדיק האָט יעדער אַ צי געטאָן די הענט ביים קאָנוואולסיוון קירעווע פון דעם אויטאָמאָביל, און אַ שניט געטאָן מיטן אייזערנעם רינג דעם שכנס האַנט.

איך האָב געדרוקט מיין שטאָלן בראַסלעטל אויף העכער־צו, אָבער ביי יעדן וויג האָט מיין שווער־לייביקער שכן ניט ווילנדיק אַ צי געטאָן דעם רינג אַרונטער, צום זעלבן פּלאַץ, וואו די הויט איז שוין פון פריער געווען אַרונטערגעשניטן פון דעם שטאָלענעם רינג.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען. אינעווייניק האָט מען אונדז באַפרייט פון די קייטלעך.

„עס איז ניט שלעכט, ווען מען ווערט באַפרייט פון שטאָלענע קייטן״, האָט מיין שכן באַמערקט מיט אַ צופרידענעם שמייכל.

„איך קעמף קעגן זיי מיין גאַנץ לעבן״, האָב איך אים געענטפערט מיט אַ שמייכל. „זע נאָר, וואָס קייטן אַרבעטן אָן אין צען, פופצן מינוט״, האָב איך אים אָנגעוויזן אויף דער אָנגעריסענער הויט פון מיין האַנט.

„דיינע הענט זענען צו־צאַרט״, האָט ער געלאַכט.

„דיינע הענט זענען, וויזט אויס, אויך צו־דעליקאַט״, האָב איך אים אָנגעוויזן אויף זיין וואונד, וואָס האָט אויף איין פלאַץ שוין געבלוטיקט.

„האָ, דאָס״, האָט ער מיר געענטפערט, „דאָס איז ניט ווייל מיין האַנט איז דעליקאַט, נאָר דאָס פאַרדאַמטע שטאָל איז צו האַרט, און דער רינג — צו ענג״.

מיר האָבן אויך גיך אַרונטערגענומען די ציווילע קליידער פון זיך, זיי צונויפגעקייקלט אין אַ בינטל, און אַרויפגעצויגן אויף זיך ריינע אָבער אומגעלומפערטע טורמע־קליידער.

„קום מיט מיר״, האָט אַ טורמע־וועכטער מיך אַ רוף געטאָן.

איך בין אים נאָכגעגאַנגען.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסן ליכטיקן צימער. די שמאָלע בעטלעך זענען געשטאַנען אָפגערוקט איינס פון צווייטן. אונטער יעדער בעט איז געשטאַנען אַ הילצערנער קאַסטן, וואו די אַרעסטאַנטן האַלטן זייער אייגנטום, וואָס באַשטייט פון טאַבאַק, ציגאַרעטן, צוקער, טיכלעך, אַ האַנטוך. אַמאָל געפינט זיך דאָרט אויך אַ בוך, אָדער ביכער, וואָס פריינט שיקן אַריין.

„דו ביסט איינער פון די הונגער־מאַרשירער?״ האָט דער באַוואָפנטער היטער מיך געפרעגט, נאָכדעם, ווי ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף מיין בעט.

„יאָ״, האָב איך אים געענטפערט.

„הער זיך איין״, האָט ער באַפעלנדיק גערעדט צו מיר, „דאָס איז איינער פון די בעסטע פריזאָנס אין די שטאַטן. פאַרשטייסט? היט אָפּ די רעגולאַציעס. פאָלג וואָס מען באַפעלט דיר. זיי ניט צו קלוג. וואָס קליגער איינער איז, אַלץ ערגער פאַר אים. פאַרשטייסט? אַז דו וועסט ניט זוכן קיין צרות, וועסטו זיי ניט געפינען. פאַרשטייסט וואָס מען רעדט צו דיר? טאָ נעם זיך גוט אין קאָפּ אַריין, וואָס איך האָב דיר געזאָגט. מאַכסטו אַ שלעכטן שריט, וועסטו זיצן איינער אַליין אין אַ שטייג. אַ צווייטער שלעכטער שריט, און וועסט פאַרזוכן דעם טעם אונטן אין קעלער, וואו מיר קילן־אָפּ צעהיצטע קעפּ. פאַרשטייסט?״

„נו, אויב מען מאַכט אַ דריטן שלעכטן שריט, ווערט מען אפשר אינגאַנצן אַרויסגעשטעלט פון דער דירה?״

ער האָט אַ בייזן קוק געטאָן אויף מיר און האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. אינמיטן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך אויסגעדרייט צו מיר און שאַרף אַ זאָג געטאָן אויפֿן קול:

„געדענק, אויב וועסט זיך זוכן צרות, וועסטו זיי געפֿינען. דאָ איז דאָס ריכטיקע פּלאַץ פֿאַר דעם.

* * *

מען האָט מיך באַשטימט אויף אַרבעט. איך בין געווען איינער פֿון די ראַמער. עלף זענען מיר געווען. צען נעגערס, און איך, אַ ווייסער. מיר האָבן געראַמט, געוואַשן און גערייניקט דעם רעכטן פֿליגל פֿון דער טורמע.

אין אָוונט, נאָך דעם ערשטן טאָג אַרבעט, ווען איך האָב זיך צוריק־געקערט צו מיין וואוינונג, האָבן עטלעכע פֿון מיינע שכנים מיך אַרומגערינגלט און באַהאָגלט מיט פֿראַגן.

„פֿאַרוואָס האָט מען דיך פֿאַרשיקט צווישן די „ניגערס”? האָסטו זיך געקריגט מיט דעם פּריזאָן־אויפֿזעער? ביסט ערשט איין טאָג דאָ, טאָ וואָס האָסטו שוין אָפּגעטאָן?

„מען האָט מיך ניט פֿאַרשיקט”, האָב איך גערעדט צו מיינע גוט־האַרציקע שכנים. „איך אַרבעט אינאיינעם מיט די נעגער־אַרעסטאַנטן. וואו איז דאָ דער אומגליק? זיי זענען דען ניט קיין מענטשן?

ווילדע אויגן האָבן מיך פֿאַרשלונגען.

צום שטאַרקסטן האָט זיך געקאָכט דער הויכער, שיינער בלאָנדין מיט אַ לאַנגן טיפֿן שניט אין דער באַק, וואָס האָט ניט פֿאַרמינערט זיין שיינקייט. ער, וואַיטי, איז אין פּריזאָן געווען אַ גאַנצער מיוחס. ער איז שוין דאָ געזעסן דאָס דריטע מאָל. דאָס מאָל האָט מען אים פֿאַרמשפּט פֿאַר „ווייסער שקלאַפֿעריי”.

וואַיטי האָט געגליט פֿון צאָרן.

„זיי וואָלטן מיך באַדאַרפֿט שיקן אַרבעטן מיט ניגערס! איך וואָלט זיי געוויזן! איך וואָלט אונטערגעצונדן דעם גאַנצן פּריזאָן! איך האָב אייך שוין לאַנג געזאָגט, אַז אונדזער אויפֿזעער איז אַ לויזיקע צויג. אָט וואָס ער איז”.

„אָבער וואָס קאָכט איר זיך? איך האָב גאָרניט קעגן דעם, וואָס איך אַרבעט מיט די נעגערס”, האָב איך פּרובירט איינטענהן מיט מיינע שכנים.

„הערסט וואָס ער קוואַקעט דאָרט?” האָט דער קליינער פּינטשי, דער קעשענע־גנב, גיך גערעדט אויף זיין קוויטשיק שטימעלע. „עס האַנדלט זיך דען בלויז וועגן דיר אַליין? דאָס איז דאָך אַ שפּיי אין פּנים אַלע ווייסע”, האָט ער מעשה־פֿילאָזאָף געפּרואווט איבערצייגן.

מיינע שכנים האָבן מיט אים איינגעשטימט. זיי האָבן מיך באַדויערט.

* * *

אַלע מיינע באַמיאונגען אָנצוקניפּן פֿריינטלעכע באַציאונגען מיט די נעגערס, מיט וועמען איך האָב געאַרבעט אינאיינעם פֿון אינדערפֿרי ביז אין אָוונט, זענען געווען אַ דורכפֿאַל. אַ קאַלטע פֿרעמדקייט האָט אונדז צעטיילט. אַלע פּרואוון, וואָס איך האָב געמאַכט צו פֿאַרבינדן אַ געשפּרעך מיט איניקע פֿון זיי, זענען מיר ניט געלונגען.

עס האָט זיך מיר אָנגעהויבן אויסצואווייזן, אַז זיי האָבן מיך פֿיינט. באָב, דער עלטסטער פֿון אונדזער גרופּע ראַמער, אַ הויכער, געזונטער און ברייט־ביניקער נעגער, וואָס איז געזעסן אין דעם פּריזאָן דאָס דרייצנטע יאָר, האָט מיר אָפֿן געלאָזט וויסן ביי יעדער געלעגנהייט, אַז ער קען מיך ניט דולדן.

„גיי רייניק אויס דאָס צימער", פֿלעגט ער בייז אויף מיר אַ בורטשע טאָן.

„וועלכן צימער, באָב?

„דעם גאָלדענעם צימער, וואו די פּרינצעסין שלאָפֿט. האַ־האַ־האַ!" פֿלעגט ער זיך צעהירזשען פֿון זיין חכמה.

„וואָס שלעפּסטו דעם בעזים?" פֿלעגט ער אויף מיר אַ רעווע טאָן.

„וועלכן בעזים זאָל איך נעמען, באָב?" פֿלעג איך מיט פֿאַרזיכטי־קער פֿריינטשאַפֿט אַ פֿרעג טאָן.

„נעם דעם בעזים, אויף וועלכן סוזי די פּישוף־מאַכערין איז געפֿאָרן רייטנדיק צו דער לבנה".

ביי טאָג, נאָך דעם ווי מיר זענען פֿאַרטיק געוואָרן מיט אונדזער אַרבעט, פֿלעגט די נעגער־גרופּע זיך זעצן שפּילן קאָרטן.

איך פֿלעג זיצן ניט ווייט פֿון זיי און לייענען.

זיי האָבן געשפּילט אויף ציגאַרעטן, אויף שוועבעלעך, און אַמאָל אויף קליינע בילדער פֿון אַקטריסעס. ווען איינער פֿלעגט פֿאַרלירן זיין גאַנץ פֿאַרמעגן, פֿלעגט ער אַרויספֿאַלן פֿון דער שפּיל.

איך פֿלעג די „אַרויסגעפֿאַלענע" אָנבאָטן מיינע ציגאַרעטן, מיינע שוועבעלעך, זיי זאָלן קענען פֿאַרזעצן זייער צייט־פֿאַרטרייב. זיי פֿלעגן כמעט פֿיינטלעך צוריקווייזן מיין פֿריינטלעכן אָנבאָט.

בעתן שפּיל האָבן זיי געפֿירט געשפּרעכן וועגן זייערע פֿריינט, וועגן זייערע געליבטע. זיי פֿלעגן פֿאַנטאַזירן וועגן זייער ליכטיקער צוקונפֿט, ווען זיי וועלן אַרויס פֿריי.

אין איין נאָכמיטאָג האָבן זיי שטיל און פֿאַרזיכטיק גערעדט צווישן זיך. שטיל גענוג, אַז מען זאָל זיי ניט הערן, אָבער הויך גענוג, אַז איך האָב פֿאַרנומען יעדעס וואָרט.

„געדענקט", האָט באָב גערעדט באַפעלעריש, „דו פיליפ, זאָלסט זיך זעצן ביי זיין רעכטער זייט, און דו, דזשים, ביי זיין לינקער זייט. אַזוי גיך ווי עס וועט פינצטער ווערן אין זאַל, און עס וועלן זיך באַווייזן די בילדער אויף דעם לייוונט, זאָלט איר אים אַ כאַפּ טאָן ביי זיינע הענט, און פאַרשטאָפּן זיין מויזן־לאָך ער זאָל ניט קענען קרייען... איך וועל אים איבערשניידן דעם גאָרגל אין איין אויגנבליק... איך וועל זיצן פונקט הינטער אים. בלייבט זיצן... רירט זיך ניט פון אייערע ערטער... דאָס איבעריקע וועל איך שוין באַזאָרגן. קלאָר?"

„יאָ", האָבן דזשים און פיליפ געענטפערט.

„אָבער געדענקט, היינט אָוונט אין זאַל, ווען מען וועט ווייזן די לעצטע בעדיקע בילדער... עס מוז אָפּגעטאָן ווערן אין אַ סעקונדע... איינס... צוויי... און די מויז מוז ליגן אַ געשאָכטענע"...

אַ פראָסט איז דורכגעלאָפן מיין קערפּער. איך האָב שוין פריער געהערט, אַז עס איז פאַראַן אַ ניט־געשריבן געזעץ אין יענעם פריזאָן, אַז די ווייסע אַרעסטאַנטן צעשניידן די „ווייסע מייז" (שפּיאָנען) און די נעגערס באַלוינען די „שוואַרצע מייז" אויף דעם זעלבן אופן.

איך האָב געוואוסט, אַז איין ווייסער און איין נעגער זענען אויפן צעטל. דער ווייסער איז אַ געוועזענער לערער אין אַ מיטלשול. ער איז פאַראורטיילט געוואָרן צו לעבנסלענגלעכער געפענגעניש פאַר דערמאָרדן זיין געליבטע, אַ לערערין. דער נעגער איז געווען אַ גלח. ער האָט מיט אַ האַק דערמאָרדעט זיין ווייב און האָט אונטערגעצונדן דאָס הויז.

ביידע האָבן געהאַט ספּעציעלע פּריווילעגיעס אין טורמע. ביידע זענען געווען „מייז". קיינער האָט צו זיי ניט גערעדט. ווי נאָר איינער פון זיי האָט זיך באַוויזן, זענען די אַרעסטאַנטן שטום געוואָרן. עס פלעגט זיך גיך אַ טראָג טאָן די אינפאָרמאַציע: — אַ מויז איז דאָ!... אַ מויז איז דאָ!...

„געדענקט, וואָס איך זאָג אייך", האָב איך דייטלעך געהערט באָבס הייזעריקע שטימע, „ער איז געזונט ווי אַן אָקס. ער ווייסט, אַז ער איז אויפן צעטל. ער וועט קעמפן... ער וועט רעוווען מיט אַלע כוחות, אויב איר וועט אים געבן די מינדסטע געלעגנהייט. איר מוזט אים אַ כאַפּ טאָן ביי די הענט און האַלטן ווי מיט צוואַנגען, און גלייכצייטיק אים אַ כאַפּ טאָן ביים פּיסק, ער זאָל קיין פּיפּס ניט קענען טאָן.

עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז היינט ביינאַכט וועט זיין אַ שחיטה אין זאַל, וואו מען ווייזט די לעבעדיקע בילדער.

איך בין ניט געגאַנגען זען די בילדער. איך בין געלעגן אויף מיין בעט, איך האָב פּרובירט לייענען, אָבער אָן דערפאָלג. איך האָב געפּי־



בערט. איך האָב אָנגעשטרענגט אַלע מיינע חושים אויפֿצוכאַפּן דעם קלענסטן טומל. אַ טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט, אַ ריגל האָט זיך פֿאַררוקט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די שחיטה ווערט דורכגעפֿירט.

ענדלעך האָבן זיך די צוויי שעה געענדיקט. מיינע שכנים האָבן לאַנגזאַם ... אויפֿ... ניט ... גערעדט ... קיין וואָרט ניט וועגן דער שחיטה.

עס האָט דאָרט גאָרניט פּאַסירט. איך האָב פֿרייער אָפּגעאָטעמט.

אויף מאָרגן נאָכמיטאָג האָבן מיר, מידע פֿון די עטלעכע שעה שווערע אַרבעט, פֿאַרנומען אונדזערע פּלעצער. די נעגערס האָבן געשפּילט קאָרטן. איך האָב געלייענט.

דער באַוואָפֿנטער היטער האָט אַריינגעפֿירט אַ נייעם נעגער־אַרעסטאַנט און אים צוגעזעצט צו אונדזער גרופּע ראַמער.

דער „נייער" האָט מיך באַגריסט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. מיט די נעגערס איז ער באַפֿריינדעט געוואָרן אין איין מינוט צייט. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי רעדן וועגן מיר. איך האָב געפֿילט זייערע בליקן.

עס איז פּלוצים שטיל געבליבן.

דער נייער אַרעסטאַנט איז צוגעקומען צו מיר: „ווי אַזוי רופֿט מען דיך?" איך האָב אים געזאָגט מיין נאָמען. „און ווי רופֿט מען דיך?"

„דעניעל איז מיין נאָמען. דו ביסט אַרעסטירט געוואָרן מיט די הונגער־מאַרשירערס?"

„יאָ, פֿאַרוואָס האָט מען דיך אַריינגעזעצט?"

„איך האָב אַריינגעכאַפּט נײַנציק טעג פֿאַר טרייבן אַן אויטאָמאָביל צו גיך. דאָס איז אַ שלעכטער שטאָט. דער ערגסטער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן", האָט ער פֿאַרגעזעצט. „מער ווי דריי טעג האָב איך ניט פֿאַרדינט. אָבער די פּאָליציי האָט געזאָגט דעם ריכטער, אַז איך בין געווען פֿאַרשניאַשקעט. דער אמת איז, אַז איך האָב קיין משקה אַפֿילו ניט געזען פֿאַר די אויגן".

„האָסט געהאַט אַן אַדוואָקאַט?"

„וואָס קען מיר אַן אַדוואָקאַט העלפֿן? וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט אַ נעגערס שבועה קעגן דעם עדות־זאָגן פֿון פּאָליציי?"

„ביסט גערעכט, אָבער האָסט זיך באַדאַרפֿט פֿאַרטיידיקן. האָסט באַדאַרפֿט קעמפֿן פֿאַרן אמת".

„פֿאַר אַזאַ חוצפה וואָלט איך געוויס אַריינגעקראָגן אַ קיילעכדיק יאָר", האָט דעניעל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. „יאָ, זאָג מיר, וואָס טוסטו, אַ ווייסער, צווישן נעגערס?"

„וואָס הייסט, וואָס איך טו? איך ראָם, איך וואַש דעם דיל, איך אַרבעט אינאיינעם מיט דער גרופּע".

„פֿאַרוואָס האָט מען דיך אַריינגעזעצט צווישן נעגערס? האָסטו ניט פּראָטעסטירט?"

„ניין, פֿאַרוואָס זאָל איך פּראָטעסטירן? איך בין צופֿרידן".

צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן מיך דורכגעלעכערט.

„זאָג נאָר", האָט דעניעל מיך געפֿרעגט מיט אַ נערוועזער שטים, „ביסט אַמאָל געווען אין באַלטימאָר?"

„יאָ, איך קום אָפּט קיין באַלטימאָר".

„דו ביסט אַ רעדנער ביי פֿאַרזאַמלונגען?" האָט ער מיט פֿאַרוואונדערונג געפֿרעגט און זיין פֿינגער איז געבליבן אָנגעשטעלט אויף מיר.

„יאָ", האָב איך רואיק געענטפֿערט. „איך רעד אַמאָל אויף אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען".

„נו, און אין באַלטימאָר האָסטו אַמאָל גערעדט אויף אַ נעגער־מיטינג?"

„יאָ, עס זענען דאָרט געווען ווייסע אויך".

דעניעלס אויגן האָבן אויפֿגעבליצט.

„וועגן וואָס האָסטו דאָרט גערעדט?"

„עס איז געווען אַ פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונג", האָב איך אים דערקלערט. „אַ נעגער־פֿאַמיליע האָט זיך אַריינגעצויגן אויף אַ ווייסער גאַס. די כו־ליגאַנעס פֿון דעם קו־קלוקס־קלען האָבן ביינאַכט אונטערגעצונדן דאָס הויז, און די נעגער־פֿאַמיליע האָט זיך קוים געראַטעוועט פֿון דעם פֿייער. ביי יענער פֿאַרזאַמלונג האָב איך צוזאַמען מיט אַנדערע פּראָטעסטירט קעגן דער מערדעריי".

דעניעלס פּנים האָט געשיינט.

„דו באַלאַנגסט צו דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געקעמפֿט פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון די סקאָטסבאָראָ־אינגלעך?" האָט ער מיך געפֿרעגט.

„דו מיינסט די אַי־על־די? געוויס באַלאַנג איך".

„קום מיט מיר!"

ער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן ביי מיין האַנט און מיך געצויגן מיט זיין גאַנצן כּוח. איך בין מיטגעגאַנגען מיט אים.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם טישל, וואָס איז געדיכט געווען באַזעצט מיט דער נעגער־גרופּע.

„ער איז אונדזערער, ער איז אַן אייגענער", האָט דעניעל געשריגן, „ער איז איינער פֿון אונדז!"

אויגן, שוואַרצע אויגן האָבן געגליט. מיילער זענען געבליבן אָפֿן, און ווייסע ציין האָבן אַרויסגעפֿינקלט. עלף מענטשן זענען געבליבן זיצן שטום און באַוועגלאָז, ווי אויסגעהאַקט פֿון בראָנז. באַבס רעכטע האַנט מיט אַ קאָרט צווישן די פֿינגער איז געבליבן הענגען אין דער לופֿטן, ווי פֿאַר־גליווערט.

דעניעל האָט זיי דערציילט ווער איך בין, און אַז ער האָט מיך דער־קענט, ווייל ער איז געווען איינער פֿון די, וואָס זענען געווען ביי דער פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונג אין זיין היים־שטאָט, אין באַלטימאָר.

„אויב אַזוי, ביסטו דאָך טאַקע אַן אייגענער מענטש", האָט באַב ווי אַ שולדיקער גערעדט צו מיר. „אויב אַזוי איז שוין עפּעס אַנדערש".

איך בין געוואָרן אַן אייגענער צווישן אייגענע; אַ פֿריינט צווישן פֿריינט.

דעניעל האָט מיר אויפֿגעקלערט דעם פּלאַנטער: „פֿון צייט צו צייט זעצן אַריין די טורמע־אויפֿזעער אַ ווייסן שפּיאָן צווישן די נעגערס. נו, האָבן זיי דיך פֿאַררעכנט פֿאַר אַ ‚מויז'," האָט ער געלאַכט ווי אַ קינד. „דו אַ ‚מויז'! ווי לעכערלעך!"

„אָבער דעניעל, אויב זיי האָבן מיך באַטראַכט פֿאַר אַ ‚מויז', טאָ ווי קומט עס, וואָס זיי האָבן געפּלאַנעוועט די שחיטה, אַז איך זאָל הערן?"

„זיי האָבן מיר דערציילט וועגן דעם", האָט דעניעל זיך געשטיקט פֿון געלעכטער. „די גאַנצע געשיכטע איז געווען אומישנע געצילט דיך אויס־צופּרובירן. זיי האָבן בכיוון גערעדט דו זאָלסט הערן און האָבן אַ געלע־גנהייט צו דערציילן די געשיכטע צו די אויפֿזעער. מער וואָלט דיר שוין ניט געפֿעלט".

„אָבער ווי אַזוי וואָלטן זיי געוואוסט צי איך האָב דערציילט?"

„גאַנץ פּשוט", האָט דעניעל געזאָגט. „די אויפֿזעער וואָלטן פּלוצים פֿאַרגרעסערט די וואַך. באַב, דזשים און פֿיליפּ וואָלטן איצט זיכער גע־לעגן אונטערן שלאָס־און־ריגל. קיין לעבעדיקע בילדער וואָלט מען שוין יענעם אָוונט ניט געוויזן. עס וואָלטן זיך אָנגעהויבן אונטערזוכונגען און אויספֿאָרשונגען".

„אָבער די אַלע זאַכן האָבן דאָך ניט פּאַסירט?"

„טאַקע דערפֿאַר האָבן זיי אָנגעהויבן צווייפֿלען, צי זייער פֿאַרדאַכט וועגן דיר איז ריכטיק, און האָבן מיך געבעטן צו רעדן מיט דיר און אויס־געפֿינען, וואָס פֿאַר אַ פֿויגל דו ביסט. בין איך צופֿרידן, וואָס איך האָב געקראָגן די אויפֿגאַבע דיך אויסצופֿרעגן", האָט ער געהאַלטן אין איין לאַכן.

„דאָס איז דאָך טאַקע צום באַשרייבן. האַ, האַ! גייסט באַגעגענען אַ שונא, און געפינסט אַן אמתן פריינט... פונקט ווי אין לעבעדיקע בילדער! האַ, האַ! אַפילו אין פריזאָן טרעפט מען אייך אויך... פריינט זענען פריינט".

דעניעל איז געווען גערעכט. די פריינטלעכע באַציאונג פון די נעגער־אַרעסטאַנטן צו מיר איז געוואַקסן יעדן טאָג. פון די פאַרשלאָסענע קע־מערלעך האָבן נעגער־אַרעסטאַנטן מיך וואַרעם באַגריסט יעדעס מאָל, וואָס איך פלעג פאַרבייגיין לעבן זיי אויף מיין וועג צו רייניקן די טרעפ, צי אויפראַמען אַן אויסגעליידיקט קעמערל און דאָס צוגרייטן פאַר אַ נייעם „קוואַרטיראַנט".

אָפט, ווען דער אויפזעער איז ניט געשטאַנען צו־נאָענט, פלעג איך זיך אָפּשטעלן לעבן אַ קעמערל, און דורך די אייזערנע גראַטעס כאַפּן אַ שמועס מיט דעם איינגעשלאָסענעם איינוואוינער. ווען ס'פלעגט איינעם אויספעלן אַ שוועבעלע אָדער אַ ציגאַרעט, האָט ער געוואוסט, אַז ער קען זיך ווענדן צו מיר, ווייל מיינע חברים פון דער יוניאָן, וואָס פלעגן מיך קומען באַזוכן, פלעגן מיך באַזאָרגן מיט דעם.

איינמאָל האָט מיך דעניעל מיט אַ וואונק צוגערופן און זייער שטיל מיר אַריינגעשושקעט אין אויער אַריין:

„ווען וועסטו האָבן אַ געלעגנהייט צו כאַפּן אַ שמועס מיט קעמערל זעכצן?"

„וואָס איז דאָרטן?"

„וועסט שוין זען", האָט ער טרויעריק געענטפערט.

„אָבער זאָג מיר, וואָס האָט דאָרט פּאַסירט?"

„זאָג אים, ער זאָל דיר וויזן די סימנים פון די שמיץ, וואָס ער האָט געקראָגן. אָבער זיי פאָרזיכטיק, דער אויפזעער זאָל דיך ניט כאַפּן".

„שמיץ? מען שמייסט דאָ? מיר האָט איינער פון די אויפזעער געזאָגט, אַז דער פריזאָן איז איינער פון די בעסטע אין לאַנד".

„און דו האָסט אים געגלויבט?"

„מיר איז די גאַנצע רעדע זיינע אין איין אויער אַריין און פון אַנדערן אַרויס. אָבער וועגן שמייסן די אַרעסטאַנטן האָב איך גאָר אינגאַנצן ניט געטראַכט. היינטיקע צייטן? עס איז דאָך עפּעס אַמעריקע. נאָך אַלעמען!

נערוועז און אויפגערעגט ביז גאָר בין איך כמעט געלאָפן צו קעמערל זעכצן.

דעיוויד, אַ הויכער, שיינער נעגער מיט אַ קיילעכדיקן פנים, מיט אַ הויכן שטערן איינגעפאַסט אין קורצע, געדיכט־געקרייזלטע פעך־שוואַרצע האָר, האָט מיך באַגעגנט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט מיט דאַנקבאַרער פריינטשאַפט.

„וואָס נעמסטו זיך אַזוי צום האַרצן?" האָט ער גערעדט צו מיר מיט גוט־ברודערשן פאָרוואורף, „דענקסט, אַז איך בין דער ערשטער נעגער, וואָס ווערט געשמיסן פון די ווייסע?"

„שלעפ אַרונטער דיין העמד, דעיוויד".

„גלויבסט מיר ניט?" האָט ער געלאַכט און געלאָזן אַרונטערגעצויגן זיין העמד.

איך האָב אַ ציטער געטאָן... רויט־ברוינע פאַסן האָבן דורכגע־קרייצט די ברייט פון דעיווידס שיין־געפורעמטער, מוסקולירטער פלייצע.

עס איז מיר טרוקן געוואָרן אין מויל. אין האַלדז איז מיר געוואָרן ענג.

„וואָס קוקסטו מיך אָן מיט רחמנות אויגן? וואָס האָסטו פאַרלוירן דאָס לשון? ווי עס ווייזט אויס, האָסטו נאָך אַזוינס ניט געזען", האָט דעיוויד גערעדט פילאָזאָפיש. „וועסט זיך צוגעוואוינען, וועסטו ביסלעכווייז אויסגעפינען, אַז דאָס לעבן אויף דער וועלט איז אַ האַרטער ביסן. ביז דער אַלמעכטיקער גאָט דערבאַרימט זיך אויף אונדז און נעמט אונדז צו פון דער זינדיקער ערד, מוזן מיר ליידן ווייטאָג און שאַנדע".

„וויפל האָסטו געקראָגן, דעיוויד?"

„פינף־און צוואַנציק, הייסע איינס נאָך איינס. עס איז ווי איינער האָט מזל", — האָט דעיוויד זיך אַראָפגערעדט פון האַרצן. „ווען עס איז קיינער ניטאָ ביים פינצטערן ספעקטאַקל, האָט דער שמייסער גאָט אין האַרצן; אָבער אויף מיין מזל זענען געווען געסט פון דער „פיינער געזעלשאַפט"; שיין־געפוצטע הערן און דאַמען. נו, האָט דער בחור מיר אַריינגעשמיסן אָן רחמנות".

„און די געסט פון דער 'פיינער געזעלשאַפט' האָבן זיך באַלעקט פון נחת, האַ?"

„מיין פריינט", האָט דעיוויד גערעדט מיט ווייטאָג, „גאָט האָט באַ־שאַפן אויף דער וועלט מענטשן, וואָס שמייסן, און מענטשן, וואָס ווערן געשמיסן. נעגערס וועלן שטענדיק זיין די געשמיסענע".

„מאַכסט אַ טעות, מיין פריינט, ניין, ניט גאָט האָט איינגעטיילט די וועלט אויף שמייסערס און געשמיסענע (איך האָב זיך דערפילט זיכערער אין דעם טייל פון דעם געשפרעך). מענטשן, די לייט פון דער רייכער פיינער געזעלשאַפט, האָבן עס איינגעטיילט מענטשן אין די צוויי קאַטע־גאָריעס. אייביק, דעיוויד, וועט עס ניט גיין אַזוי. די געשמיסענע וועלן זיך לאַנג ניט לאָזן שמייסן".

„וואויל איז דיר, וואָס דו לעבסט מיט האָפנונגען!"

„העי, דו, וויפֿל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט ניט קריכן צו די קעמערלעך? זוכסט זיך צרות? קריך אַריין אין דיין לאָך אַריין און ליג דאָרטן איינגעלייגט!" האָט איינער פֿון די אויפֿזעער זיך צערעוועט.

„ענטפֿער ניט", האָט דעיוויד גיך געזאָגט. „טראָג זיך אָפּ פֿון דאַנען".

* * *

שווער, זייער שווער איז מיר אָנגעקומען זיך צוצופּאַסן צום דריקנדיקן און מנאָטאָנעם טורמע־לעבן.

אינדרויסן האָט געקאָכט מיט לעבן און מיט קאַמף. אַ כוואַליע פֿון סטרייקס האָט זיך צעגאָסן איבער דער לענג און ברייט פֿון לאַנד. מיליאָנען אַרבעטסלאָזע האָבן געפֿאָדערט שטיצע און סאָציאַלע פֿאַרזיכערונג.

אין אייראָפּע האָט זיך צעברענט אַ שריפֿה. אין פֿראַנקרייך האָט געשטורעמט דער סקאַנדאַל „סטאַוויסקי" און האָט צעטרייסלט די צעפֿוילטע הערשאַפֿט פֿון די „צוויי הונדערט", וואָס איז פֿאַרהאַסט ביים פֿראַנצויזישן פֿאָלק.

אין דייטשלאַנד האָט זיך די נאַציסטישע בעסטיע געריסן צו דער מאַכט.

אין ווין האָבן די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער מיט ביקסן אין די הענט געקעמפֿט אויף לעבן־און־טויט קעגן דעם פֿאַשיזם, ביז זיי זענען שענדלעך פֿאַרראַטן געוואָרן פֿון זייערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿירער...

די נייעס וועגן די פּאַסירונגען האָב איך געקראָגן יעדן טאָג.

און איך?... איך בין געזעסן אין טורמע און האָב מיט קראַנקער אומגעדולד געציילט די לאַנגע אומעטיקע שעהן, און די שוידערלעך־לאַנגע, לאַנגווייליקע טעג און נעכט. איך האָב זיך געקרענקט ביז וויטאָג איבער מיין אומפּעאיקייט צו צוימען מיין גליענדיקע אומגעדולדיקייט, און מיין טיפֿן, צאָרנדיקן האַס צום גאַנצן איינשטעל פֿון צוואַנג־דיסציפּלין, שטראָף־מיטלען און שרעקלעכער צעפֿוילטקייט, וואָס צעפֿרעסט דעם מענטשלעכן מין אין טורמע.

מיינע אויערן האָבן נאָכאַנאַנד פֿאַרנומען די האַרצרייסנדיקע געשרייען און געוואַלדן, וואָס איך האָב געהערט אין יענער פֿינצטערער נאַכט, ווען די צעיושעטע פּאָליציי האָט מיט קיילעכדיקע, גראָבע דובינקעס מערדערלעך געקלאַפּט איבער די קעפּ, איבער די פּנימער און קערפּערס פֿון די הונגער־מאַרשירער.

און איך האָב געהערט דאָס קראַכן פֿון די טרערן־באָמבעס, וואָס די בראַווע אָרדענונג היטער האָבן דורך די אויפֿגעבראָכענע פֿענצטער אַריינגעוואָרפֿן אין גרויסן זאַל אַריין, וואו עס זענען געווען הונדערטער מענער און פֿרויען, פֿרידלעכע און אומבאַוואָפֿנטע הונגער־מאַרשירער, בירגער

פֿון דער ריזיקער רייכער אַמעריקע. געקומען זענען זיי קיין וואַשינגטאָן איבערצוגעבן זייער העכסטער געזעץ־געבנדיקער קערפּערשאַפֿט, דעם קאָנגרעס, אַ פּעטיציע איינצופֿירן דאָס געזעץ פֿאַר סאָציאַלער פֿאַרזיכערונג.

איך פֿלעג דורכצאַנאַנד אויפֿשווידערן פֿון די קרעכצן פֿון די צעשלאָגענע און פֿאַרבלוטיקטע אומשולדיקע מענער און פֿרויען, וואָס די פּאָליציי האָט אַריינגעוואָרפֿן אין גרויסן טורמע־וואָגן, וואו איך בין געלעגן אין אַ האַלב־באַוואוסטלאָזן צושטאַנד.

דאָס גאַנצע שוידערלעכע בילד פֿון דעם בלוטיקן אָנפֿאַל, וואָס די פּאָליציי האָט געמאַכט אויף אונדז, הונגער־מאַרשירער, האָט מיך פֿאַרפֿאָלגט בייטאָג און ביינאַכט. מסתּמא בין איך געווען קראַנק. איך האָב אָפּט געפֿיבערט.

ענדלעך, ענדלעך האָבן זיך דערנענטערט מיינע לעצטע טורמע־טעג...

נאָך מאָרגן, שבת, זונטאָג, און מאָנטאָג, און איך וועל אַרויס אויף דער פֿריי. אַך, וואָס פֿאַר אַ וואונדערלעכער געפֿיל דאָס איז!

* * *

„איך וויל ביי דיר בעטן אַ גרויסע טובה", האָט דעניעל זיך פּלוצים געווענדט צו מיר.

„וואָס?"

„מיינער אַ לאַנדסמאַן, אַ שטיקל אייגענער, זיצט שוין דאָ דריי יאָר. ער איז אומשולדיק. ער איז פֿאַרשיקט געוואָרן אויף גאַנצע צען יאָר. אפֿשר קענסטו עפּעס טאָן פֿאַר אים? באַלד וועסטו זיין אינדרויסן. אפֿשר קענסטו אים העלפֿן? ער איז אומשולדיק".

מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז מאָרגן זונטאָג, ווען מען לאָזט אונדז אַרויס אויף פֿרישער לופֿט אויף גאַנצע צוויי שעה, וועל איך זיך דורכרעדן מיט פֿרעדן, דעניעלס קרוב.

אויף דעם גרויסן הויף, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט הויכע מויערן און שטעכיקע דראָטן, האָבן די אַרעסטאַנטן שפּאַצירט, זיך פֿאַרזאַמלט אין קליינע גרופּקעס און געאָטעמט פֿרישע לופֿט.

אינעווייניק, אין באַזונדערע ווינקלען זענען געשטאַנען וועכטער מיט ביקסן און געהיט יעדע באַוועגונג פֿון די אַרעסטאַנטן. אויף די שטיינערנע ברייטע ווענט, אין קליינע ביידלעך, זענען געשטאַנען היטער מיט מאַשין־ביקסן און האָבן דורך שפּאַקטיוון אַרומגעטאַפּט יעדן אַרעסטאַנט.

עס זענען געווען די לעצטע פֿאַר טעג פֿון דעם ווינטער. די זון האָט שוין אָנגעהויבן וואַרעמען. דער הימל איז געווען בלוי און לויטער.

„אַך, וואָס פֿאַר אַ פֿיינער טאָג! וואָס פֿאַר אַ שיינער טאָג!" האָבן די אַרעסטאַנטן באַגריסט איינער דעם אַנדערן און דורשטיק אַריינגע־

צויגן אין זייערע לונגען די פרישע ריינע לופט. ווי קינדער האבן זיי זיך געפרייט מיטן ביסל דרויסנדיקע פרייהייט, און זיך געקוויקט מיט די ווארעמע שטראלן פון דער זון.

דעניעל, פרעד און איך האבן זיך פארקליבן לעבן א וואנט, וואו די זון האט געשיינט.

פרעד, א יונגער, שיינער, הויכער נעגער, האט געדריקט מיין האנט ווארעם און פריינטלעך.

„איך האב געהערט, אז דו ביסט אונדזערער אן אמתער פריינט".

„יא", האב איך געענטפערט.

„דעניעל האט מיר געזאגט, אז דו האסט גוטע פארבינדונגען מיט ווייסע איינפלוסרייכע מענטשן, איז עס אמת?

„איך קען אויך פיל איינפלוסרייכע נעגערס. זאג מיר, וואס דו ווילסט. איך גיי ארויס פון דאנען אינגיכן. אפשר וועל איך דיר קענען העלפן".

פרעד האט געשוויגן.

„נו, וואס ביסטו שטום געווארן?" האט דעניעל אומצופרידן געפרעגט פרעדן. „דערצייל אים, דאס איז דיין איינציקע געלעגנהייט. ווילסטו דען דא פוילן נאך זיבן יאר? קום ארויס מיט לשון, דו פארדאמטער נאר!"

פרעד האט געשוויגן.

„ווי אלט ביסטו, פרעד?" האב איך אנגעהויבן דעם געשפרעך.

„איין־און־צוואנציק", האט פרעד געענטפערט.

„ביסט, הייסט עס, אלט געווען אכצן, ווען דו ביסט פארפארן אהער?"

„יא".

„האסט עמעצן אינדרויסן?"

„א מאמע מיט צוויי שוועסטערלעך".

„וואו איז דיין טאטע?"

„דערהרגעט געווארן אין אן אומגליק־פאל אויף דער ציגל־פאבריק, וואו ער האט געארבעט".

„פארוואס ביסטו פארשיקט געווארן?"

פרעד האט געשוויגן.

„עפן דיין מויל, דו אייזל! רעד, דו נארישער נעגער!" האט דעניעל געשריגן אויף פרעדן.

פרעד האט געשוויגן.

„האסט עמעצן דערמארדעט, פרעד?" האב איך אים געפרעגט.

„ניין".

„האסט געגנבעט?"

„ניין, דאס אויך ניט".

„ביסט שולדיק, פֿרעד?״ האָב איך אים פּראָוואָצירט. „זאָג דעם אמת, שעם זיך ניט. אויב דו ביסט שולדיק, וועט קיין זאַך ניט העלפֿן. וועסטו מוזן אָפּזיצן״.

„ניין, איך בין ניט שולדיק. גלויב מיר, איך זיך אומזיסט״, האָט ער זיך געבעטן ביי מיר. „איך שווער ביי גאָט, ביי מיין טויטן טאַטן, אַז איך בין ניט שולדיק. פֿאַר גאָרניט האָט מען מיך פֿאַרפּאַקט!״

„ווילסטו אַרויס פֿון דאַנען?״

צוויי גרויסע, שוואַרצע, פֿינקלדיקע אויגן האָבן מיך מיט געבעט פֿריינטלעך אַרומגענומען.

„וועסט מיר העלפֿן?״

„צוערשט דערצייל, פֿרעד! דערנאָך וועל איך דיר זאָגן מיין מיינונג, צי עפּעס קען געטאָן ווערן. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַפֿילו ווען עס וועט דיר ווי טאָן״.

„איך צווייפֿל, צי עמעצער קען מיר העלפֿן״.

„דאָס וועל איך וויסן, ווען איך וועל זיך באַקענען מיט די פֿאַקטן״.

„פֿאַרוואָס ווילסטו מיר, אַ פֿרעמדן בעגער, העלפֿן? צוליב וואָס זאָלסטו נעמען אויף זיך מיינע צרות? עס איז אַ לאַנגע געשיכטע. דיך, אַ פֿרעמדן, קען די גאַנצע זאַך ניט פֿאַראינטערעסירן״.

„זאָרג זיך ניט, פֿרעד״, האָב איך אים דערמוטיקט. „רעד, דערצייל די גאַנצע געשיכטע פֿון דעם אָנהויב אָן״.

ער האָט פֿאַרלוירן געקוקט אויף מיר און אויף דעניעלן.

„נו, רעד שוין, אָדער גיי צום טייוול״, האָט דעניעל פֿאַרלוירן דאָס געדולד. „פֿריינט ווילן אים טאָן אַ טובה און ער בלאָזט זיך ווי אַ פּרי־מאַדאָנע״.

„פֿאַרוואָס ווילסטו ניט פֿאַרשטיין, אַז עס איז מיינע אַ פּריוואַטע זאַך, וואָס איז ביי מיר הייליק און איך קען ניט אַרויסגיסן פֿאַר פֿרעמדע מיינע אינטימע סודות?״ האָט פֿרעד געבעטן דעניעלן.

„דאָס האָב איך שוין געהערט צוואַנציק מאָל״, האָט זיך דעניעל געקאָכט. „ווילסט צוליב דער נקבה פֿוילן אין פּריזאָן?״

„האָ, ביי דיר, דעניעל, זענען אַלע ווייסע פֿרויען נקבות, און אַלע ווייסע מענער זענען נעגער־לינטשערס״.

„ביסט אַ פֿאַרדאַמטער ליגנער און אַן אייזל־קאָפּ. איך האָב אַזאַ זאַך קיינמאָל ניט געזאָגט״, האָט זיך דעניעל צעקאָכט. „איך זאָג״, האָט ער געפֿאָכעט מיט זיינע לאַנגע הענט, „אַז אַ פֿרוי, וואָס קען פֿאַרראַטן אַ מאַן אַזוי שענדלעך, איז אַ נקבה, און זייער ווייניק ווייסע זענען גרייט זיך איינצושטעלן פֿאַר אונדז, נעגערס״.

„האָב איך רעכט?" האָט דעניעל אָן אויסגעשעפּטער פון זיין רעדע, זיך געווענדט צו מיר.

„ניט צוליב דעם זענען מיר זיך צונויפגעקומען אַהער", האָב איך געזאָגט. „דו פרעד, ווייסט געוויס, אַז מאָרגן גיי איך אַרויס פון דאַנען. אויב דו ווילסט, פרעד, דערצייל. אויב דו ווילסט ניט, דאַרף מען ניט, און הערט זיך אויף צו רייסן ווי די הענער".

פרעד האָט גערעדט.

צום אָנהויב איז עס אים אָנגעקומען שווער. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, זיך געצוואונגען צו דערציילן די איינצלהייטן פון דער טרויעריקער פּאַסירונג. אָבער ווען ער האָט זיך צעוואַרעמט, האָבן די ווערטער געשטראָמט פון זיין מויל קלאָר און האַסטיק, ווי ער וואָלט זיי אַרויסגעלייענט פון אַ בוך.

„איך האָב געאַרבעט פאַר אַ פירמע", האָט ער אָנגעהויבן שטיל. „איך האָב געטריבן אַ פּראַכט־אויטאָמאָביל. די פירמע האָט פּראָדוצירט סאָדע־וואַסער. גרויסע און קליינע פלעשלעך סאָדע־וואַסער.

„מאָנטאָג פרי פלעג איך אָנלאָדן די קעסטלעך מיט פלעשער סאָדע־וואַסער אין דעם פאַרמאַכטן פּראַכט־אויטאָמאָביל. בייטאָג פלעג איך אַרויספאָרן, און אין אָוונט פלעג איך אָנקומען אין דער צווייטער שטאָט און צושטעלן די סחורה צו אַ גרויסן רעסטאָראַן.

„מיט מיר פלעגט מיטפאָרן די טאָכטער פונעם באַלעבאָס, פרענסיס, אַ הויכע, שלאַנקע, שיינע בלאָנדינקע. פרענסיס פאַרמאָגט אַ קלוגן קאָפּ, זי איז קליגער פון יעדן ווייסן מאַן, וואָס איך קען", האָט פרעד גערעדט וועגן פרענסיסן מיט שטאָלץ.

„זי פלעגט זיך צערעכענען מיטן אייגנטימער פון רעסטאָראַן און אויך אָפּנעמען דאָס געלט פאַר דער סחורה.

„צוריק אַהיים פלעגן מיר פאָרן דעם צווייטן טאָג. פרענסיס פלעגט איבערנעכטיקן אין אַ קליינער וואוינונג פון צוויי צימערן, וואָס זי האָט טאַקע פאַר דעם צוועק אָנגעהאַלטן אין יענער שטאָט. איך פלעג איבערנעכטיקן אין אַ ביליקן איינפאַר־הויז אין נעגערשן קוואַרטאַל.

„דריי מאָל אַ וואָך פלעגן מיר צושטעלן די קאַסטנס מיט סאָדע־וואַסער, און צוריקפירן די קאַסטנס מיט ליידיקע פלעשער. דריי נעכט אַ וואָך פלעגן מיר איבערנעכטיקן אין דער דערבייאיקער שטאָט.

„מיר איז געווען גוט", האָט פרעד געזאָגט מיט אַ זיפץ. „די אַרבעט איז ביי מיר געווען אַ שפּילעכל. שכירות האָב איך געקראָגן הויכע. איך פלעג אַרויסהעלפן מיין מאַמען מיט מיינע צוויי שוועסטערלעך. זאָג איך אמת, דעניעל?"

„דערווייל זאָגסטו דעם ריינעם אמת, ווי ווייט איך וויס", האָט דעניעל געענטפערט.

„איינמאָל, אין אַן אָוונט, האָב איך ווי געוויינטלעך צוגעבראַכט די סחורה צום רעסטאָראַן. דער אייגנטימער איז אַרויסגעקומען און האָט עפּעס אַריינגערעדט פֿרענסיסן אין אויער אַריין".

„קום מיט מיר", האָט פֿרענסיס מיר געזאָגט. „זי האָט אויסגעזען בלאַס און נערוועז".

„וואוהין, פֿרענסיס?" האָב איך זי געפֿרעגט.

„קום מיט מיר", האָט זי מיך אַ שלעפּ געטאָן ביים אָרעם, „און פֿרעג ניט קיין פֿראַגן".

„זי האָט מיך אַריינגעפֿירט אין איר וואוינונג. איך בין דאָרט קיינמאָל פֿריער ניט געווען".

„דאָ וועלן מיר מוזן זיצן ביז מאָרגן, האָט פֿרענסיס מיר געזאָגט. זי איז נאָך אַלץ געווען נערוועז.

„פֿאַרוואָס, פֿרענסיס? האָב איך זי געפֿרעגט אפֿשר צען מאָל.

„ניט דיינע געשעפֿטן, — האָט זי בייז געענטפֿערט — זיץ דאָ און שווייג.

„פּלוצים איז מיר קלאָר געוואָרן די גאַנצע רעטעניש. איך האָב טאַקע געפֿירט אויף דעם פֿראַכט־אויטאָמאָביל פֿלעשער מיט סאָדע־וואַסער. אָבער אין אַ פֿאַרמאַכטן קאַסטן אינעווייניק אין אויטאָמאָביל זענען אויך געווען פֿלעשער מיט היימיש־געמאַכטן בראַנפֿן.

„יענעם קאַסטן", האָט פֿרעד אויסגעקירעוועט זיין קאָפּ צו מיר, „פֿלעג איך קיינמאָל ניט אָנלאָדן. עמעצער אַנדערש פֿלעגט אים אָנלאָדן, און דער אייגנטימער פֿון רעסטאָראַן פֿלעגט אים אויספּאַקן".

„ווי אַזוי ביסטו געקומען צום שלוס, אַז אין יענעם פֿאַרמאַכטן קאַסטן זענען געווען פֿלעשער מיט בראַנפֿן?"

„ווייל אָפֿט פֿלעג איך שפּירן אַ ריח פֿון בראַנפֿן, וואָס האָט זיך גע־טראָגן פֿון אויטאָמאָביל. איך פֿלעג אויפֿמערקזאַם מאַכן פֿרענסיסן וועגן דעם, אָבער זי פֿלעגט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. מסתמא שמעקט דער געזאָליך, פֿלעגט זי זאָגן.

„עס איז געוואָרן שפּעט.

„וועסט מוזן איבערשלאָפֿן דאָ, — האָט מיר פֿרענסיס געזאָגט.

„וואו? — האָב איך זיך מיט פֿאַרוואונדערונג געפֿרעגט.

„איך וועל שלאָפֿן ביי מיר אין שלאָף־צימער, — האָט מיר פֿרענסיס געענטפֿערט, — און דו צי זיך אויס אויף דעם דיל אין צווייטן צימער. אָבער, געדענק, — האָט זי מיך געוואָרנט, — אויב וועסט ווערן פֿרעך,

וועל איך דיך דערשיסן ווי אַ הונט. מיינסט אפשר, אַז איך טרייב קאַטאַ־וועס מיט דיר? — האָט זי מיך פֿאַרדעכטיק געפֿרעגט. — טאָ זיי אַזוי גוט און גיב אַ קוק אויף דעם, — האָט זי מיר אָנגעוויזן אויף אַ קליינעם רעוואָלווער, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פֿון איר גרויסן לעדערנעם האַנט־טאַש.

„וואָס רעדסטו נאַרישקייטן, פֿרענסיס? — האָב איך צו איר געזאָגט, — וואָס הייסט עפּעס, איך וועל ווערן פֿרעד? דו קענסט מיך. מעגסט זיין זיכער, אַז דו ווייסט דאָס שפּילעכל ניט דאַרפֿן נוצן קעגן מיר.

„טאָ געדענק, אויב דו ווילסט לעבן אויף דער וועלט. און איצט נאָך אַ זאַך, — האָט זי צוגעלייגט — מיט אַ שעה אָדער צוויי שפּעטער וועל איך אָפּרופֿן דעם רעסטאָראַן אייגנטימער. זאָלסטו זיך ניט שרעקן, ווען איך וועל אַריינקומען אין צימער, וואו דו שלאָפֿסט. דאָרט איז דער טעלעפֿאָן. אָבער געדענק נאָכאַמאָל, אַז איך טראָג שטענדיק מיט זיך דעם רעוואָלווער.

„זי איז אַריין צו זיך אין שלאָף־צימער, און האָט פֿאַרשלאָסן די טיר פֿון אינעווייניק".

פֿרעד איז אַנטשוויגן געוואָרן.

איך מיט דעניעלן האָבן געשוויגן און געוואַרט.

„איך לייקן ניט", האָט פֿרעד אָנגעהויבן רעדן שטילער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט מען זאָל דערהערן, „אַז איך האָב ניט געקענט איינשלאָפֿן".

„רעד העכער, וואָס מורמלסטו דאָרט?" האָט דעניעל זיך געבייזערט.

„איך בין געווען שרעקלעך אויפֿגערעגט", האָט פֿרעד פֿאַרגעזעצט אַ ביסל נערוועז. „די מורא פֿאַר דער פּאָליציי, פֿרענסיס... און דער רעוואָלווער... האָבן מיך ניט געלאָזט איינשלאָפֿן. איך האָב זיך גע־דרייט אויף אַלע זייטן... ביז, דאַכט זיך, איך האָב עפּעס יאָ איינגע־דרימלט.

„פּלוצים, ווי אין שלאָף, האָב איך דערהערט, אַז פֿרענסיס שליסט אויף די טיר פֿון איר שלאָף־צימער... איך האָב געהערט אירע פֿוס־טריט... עס איז מיר הייס און קאַלט געוואָרן אין איין מינוט... עס האָט מיך געוואָרפֿן ווי אין קדחת... אַ שווייס האָט מיך באַגאָסן... איך האָב זיך איבערגעדעקט איבערן קאָפּ, און האָב זיך צונויפֿגעדרייט אין דרייען... אירע טריט זענען געקומען נענטער... מיין גאָט, איך האָב געמיינט, אַז מיין קאָפּ ווערט מיר צעשפּאָלטן... מיין האַרץ האָט געקלאַפּט ווי אַ האַמער... עס האָט מיר אויסגעפֿעלט אָטעם... איך האָב געמיינט, אַז איך ווער געשטיקט... איך האָב געוואָלט שרייען, נאָר איך בין געווען שטום...

„פלוצים האָט זיך אַ וויג געטאָן דאָס גאַנצע צימער, נייִן, דאָס גאַנצע הויז האָט זיך אַ וויג געטאָן...

„פרענסיס האָט זיך פאַרטשעפּעט אין עפּעס און האָט אַ פאַל געטאָן אויף מיר... איך ווייס ניט ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט, עס איז געשען אין איין אויגנבליק. איך געדענק בלויז, אַז פרענסיס איז געלעגן אין מיינע אָרעמס... איך האָב געפילט די וואַרעמקייט פון איר שלאַנקן און צאַרטן קערפּער... איך בין געווען ווי פּאַראַליזירט.

„העלף מיר אויפשטיין, פרעד, — האָט פרענסיס שטיל און צאַרט גע־זאָגט צו מיר. זי האָט געוואוסט, אַז עס איז ניט מיין שולד, פּונקט ווי איך האָב געוואוסט, אַז עס איז ניט איר שולד, וואָס זי איז געפאַלן.

„געוויס, געוויס, — האָב איך געמורמלט... אָבער איך האָב ניט געקענט באַוועגן מיט מיינע אברים... פרענסיס האָט געמאַכט אַ פאַרזוך אויפצושטיין, אָבער אַנשטאָט דעם, — איך ווייס ניט צי עס איז געווען מיין שולד צי ניט, — האָבן מיר זיך בײדע איינגעביסן איינער אין צווייטנס ליפּן... זי האָט זיך געטוליעט צו מיר אַזוי וואַרעם און צערטלעך, ווי אַ קינד. איך האָב זי איינגעשלאָסן אין מיינע אָרעמס... אַ הימלישע פרייד האָט זיך צעגאָסן איבער מיינע גלידער", האָט פרעד שטיל געכליפּעט...

„גאָט מיינער, ווי דאַנקבאַר איך בין איר געווען... מיין גאָט, ווי גליקלעך איך בין געווען... איך האָב זי באַגאָסן מיט הייסע, צאַרטע קושן"...

„הער אויף כליפּען, און הער אויף מיט דיין פּאָעזיע", האָט דעניעל זיך צעשריגן. „קום צום שלוס".

„פאַרמאַך דיין פּיסק, דו אומוויסנדער נעגער!", האָט פרעד אַ בורטשע געטאָן. „דיין גליק איז, וואָס דו ביסט אונדזער פאַמיליע פריינט, אַניט וואָלט איך דיך ריכטיק צעפּראַסקעט. עס איז דאָך פאַראַן אַ גרענעץ"...

אַ באַוואָפנטער אויפזעער איז לאַנגזאַם און מיט געמאָסטענע טריט פאַרבייגעגאַנגען לעבן אונדז. פרעד איז אַנטשוויגן געוואָרן.

„קענסט רעדן", האָב איך זיך געווענדט צו פרעדן. „ער איז ווייט פון אונדז. ער קען אונדז ניט הערן. דערצייל איצט בקיצור, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך יענער נאַכט".

„נאָך יענער נאַכט", האָט פרעד פאַרגעזעצט, „זענען מיר געוואָרן אינטימע פריינט. איך האָב ליב באַקומען פרענסיסן מיט מיין האַרץ און נשמה. זי איז עלטער פון מיר, און מער דערפאַרן. זי איז שוין איינמאָל געווען פאַרהייראַט. ביי מיר איז פרענסיס די ערשטע פרוי, וואָס איך האָב ליב. איך האָב זי ליב אַנדערש, ווי איך האָב ליב מיין מאַמען, צי מיינע שוועסטערלעך. זי איז מיר טייערער ווי מיין אייגן לעבן. פאַרשטייסט, וואָס איך מיין?" האָט פרעד זיך געווענדט צו מיר.

„עס איז מיר שווער צו דערקלערן מיט ווערטער, ווי אַזוי איך האָב ליב פֿרענסיסן", האָט זיך פֿרעד פֿאַרענטפֿערט, וואָס אים פֿעלט אויס די נויטיקע שפּראַך אויסצודריקן זיינע געפֿילן צו זיין פֿרענסיסן. „אָט, נעם צום ביישפּיל, מיך. איך בין איך: איך בין פֿרעד מיט אַ ליבער מאַמען, מיט צוויי ליבע שוועסטערלעך, אָבער אָן מיין פֿרענסיסן בין איך מער ניט איך, — איך בין פֿרעמד צו זיך אַליין, און אַלץ אַרום מיר איז עפּעס ווי אַ פֿרעמדע וועלט.

„איך בין אַרומגעגאַנגען אין אַ זיסן חלום. איך האָב געלאַכט צו זיך אַליין, איך האָב געשמייכלט צו פֿרעמדע מענטשן. עס איז מיר געווען גוט. איך בין געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט.

„בלויז איין זאַך האָט פֿאַרביטערט מיין גליק. איך האָב זיך געשראָקן, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט מען אונדז כאַפּן מיטן בראַנפֿן, און מען וועט אונדז ביידע פֿאַרשיקן אין פֿריזאָן. אָט־דער געדאַנק האָט מיך ניט געלאָזט רוען. ביינאַכט אין שלאָף פֿלעגט זיך מיר אויסדאַכטן, אַז איך זע פֿרענ־סיסן אין קייטן, אַרומגערינגלט מיט 'בלויע רעק'. אָפֿט פֿלעג איך קרעכצן פֿון שלאָף. מיין מאַמע פֿלעגט מיך אויפֿוועקן, און מיך פֿרעגן, וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט. איך פֿלעג לאַכן פֿון פֿרייד, וואָס עס איז געווען אַ חלום בלויז".

„האָסטו דאָס דערציילט פֿרענסיסן?"

„געוויס", האָט פֿרעד געענטפֿערט. „איך פֿלעג זיך בעטן ביי איר, זי זאָל אויפֿגעבן דעם מסחר. אָבער זי פֿלעגט לאַכן פֿון מיר.

„זאָרג זיך ניט, — פֿלעגט זי מיך טרייסטן. לאָז דאָס איבער צו מיר, און טראַכט אַפֿילו ניט וועגן דעם. בלויז איין זאַך דאַרפֿסטו טאָן, — פֿלעגט זי שטיפֿן, — האָב מיך ליב!

„העכער אַ יאָר האָב איך אַזוי געלעבט. אין זיסן חלום, און אין שרעק. איך האָב מער ניט געקענט אַריבערטראָגן. די מורא, אַז מען וועט אַרעס־טירן פֿרענסיסן, האָט מיך משוגע געמאַכט. איך בין זיכער געווען משוגע, אַנדערש וואָלט איך ניט געקענט טאָן, וואָס איך האָב געטאָן".

פֿרעד איז שטיל געבליבן. טרערן זענען גערונען פֿון זיינע אויגן.

„וואָס האָסטו געטאָן?"

„איינמאָל, שפּעט ביינאַכט", האָט פֿרעד געזאָגט, „ווען איך בין געווען ביי פֿרענסיסן אין וואוינונג, האָב איך איר געזאָגט, אַז אויב זי גיט ניט אויף דאָס האַנדלען מיט ברנפֿן, און גייט ניט מיט מיר, לאָז איך זי איבער.

„זי האָט מיך אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט מיר ניט געגלויבט. אירע שיינע אויגן זענען געוואָרן צוויי מאָל די גרויס, און זענען אָנגעפֿילט געוואָרן מיט טרערן.

„מיינסט עס ערנסט, פרעד? — האָט זי מיך שטיל געפרעגט.

„איך בין געווען משוגע, און איך האָב געענטפערט: יאָ, איך מיין עס ערנסט, פרענסיס. אויב דו גייסט ניט מיט מיר, גיי איך אַוועק פון דיר. נאָך היינט ביינאַכט גיי איך אַוועק.

„האָ, — האָט פרענסיס ווי זיך געבעטן ביי מיר, — האָסט געקראָגן אַן אַנדערע, האָ? איך בין דיר נמאס געוואָרן?

„איך זאָג דיר, אַז איך בין געווען משוגע. איך האָב ניט געוואוסט, וואָס איך רעד", האָט פרעד געכליפּעט.

„ווייסטו, וואָס איך האָב איר געענטפערט?"

„וואָס, פרעד?"

„יאָ — האָב איך געזאָגט, — אויב דו גייסט ניט מיט מיר אַוועק, וועל איך חתונה האָבן מיט אַן אַנדערער!"

פרעד האָט פאַרדעקט זיין פנים מיטביידע הענט און האָט שטיל געכליפּעט.

„נו, פרעד, און דערנאָך וואָס האָט פּאַסירט?"

„זי איז געוואָרן היסטעריש: — גיי פון דאַנען! פאַרנעם זיך! דו פאַררעטער! גיי צו דיין מויד! גיי! שוין, די מינוט! אַרויס פון דאַנען, אומדאַנקבאַרער, לויזיקער נעגער! אַרויס פון מיין הויז!

„איך האָב מורא געהאַט, אַז די שכנים פון הויז זאָלן זיך ניט צו־נויפלויפן", האָט פרעד שטיל גערעדט. „איך האָב זי געוואָלט איינשטילן, האָב איך זי אַרומגענומען... — איך האָב דיך ליב, פרענסיס! בלויז דיך האָב איך ליב, — האָב איך געזאָגט און איבערגעזאָגט אפשר צען מאָל. אָבער זי איז געוואָרן נאָך מער היסטעריש, און האָט נאָך העכער געשריגן: —נעם אַרונטער דיינע שמוציקע לאַפּעס פון מיר! אַרויס פון דאַנען!

„פלוצים האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר. די שכנים און מענטשן פון גאַס האָבן ,ווייזט אויס, דערהערט אירע געשרייען און זענען זיך צוזאַמענ־געלאָפן. זיי האָבן מיט איין שטויס אויפגעבראָכן די טיר".

פרעד האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן.

„זיי האָבן געזען, ווי איך האַלט פרענסיסן אין מיינע אָרעמס. זיי האָבן געזען, ווי זי האָט זיך פּרובירט אַרויסרייסן פון מיינע אָרעמס. זיי האָבן געהערט, וואָס זי האָט געשריגן, זיי האָבן אויך געהערט, ווי איך האָב געשריגן, אַז איך האָב זי ליב, — און פאַרטיק: איך בין אָפּגעקאָכט געוואָרן.

„הענט, אפשר טויזנט הענט האָבן מיך אַרומגעכאַפּט... הענט האָבן מיך אָנגעכאַפּט ביי מיין האַלדז און מיך שיער ניט דערוואָרגן......

פֿויסטן האָבן געהאָגלט איבער מיין קאָפּ און איבער מיין פּנים... איך בין באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט...

„אַ שטריק ברענגט, אַ שטריק! — האָט עמעצער געשריגן.

„דערהרגעט אים! הענגט אים! לינטשט אים! — האָבן שטימען געשריגן.

„די פּאָליציי האָט מיך אַרויסגעראַטעוועט".

אַ טויטע שטילקייט האָט אונדז איינגעהילט.

פֿרעד האָט געבראָכן די שטילקייט:

„אין געריכט האָבן זיי אַלע עדות געזאָגט, וואָס זיי האָבן געזען און געהערט.

„מען האָט אויך געבראַכט אין געריכט פֿרענסיסעס קלייד, וואָס איז געווען צעריסן און צעפֿליקט אין עטלעכע פּלעצער".

„נו, און פֿרענסיס, וואָס האָט זי געזאָגט?"

פֿרעד האָט אויפֿגעהויבן זיין שיינעם קאָפּ אינדערהויך. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געפֿינקלט. ער האָט זיך צעלאַכט. צוויי שורות ווייסע, שטאַרקע ציין האָבן אַרויסגעשיינט.

„ביי יעדער געלעגנהייט האָט זי געכאַפּט אַ קוק אויף מיר", האָט ער לאַכנדיק געענטפֿערט. „זי וואָלט מיך געוויס געראַטעוועט, ווען ניט דער הונט, דער פּראָקוראָר", האָט ער צוגעלייגט מיט ביטערקייט.

„זי איז געזעסן אויפֿן עדות־שטול, און האָט געוויינט די גאַנצע צייט", האָט פֿרעד געזאָגט מיט וויטאָג.

„ער איז געקומען אין דיין וואוינונג? — האָט דער הונט זי געפֿרעגט.

„יאָ, — האָט זי געענטפֿערט. — אָבער איך בין זיכער, אַז ער איז געקומען מיט אָרנטלעכע כּוונות.

„דאָס וועט שוין דאָס געריכט באַשליסן, — האָט דער הונט געלאַכט.

„ער האָט דיך איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס?

„ענטפֿער: יאָ, צי ניין?

„יאָ, — האָט פֿרענסיס געענטפֿערט. — אָבער...

„און ער האָט געשריגן, אַז ער האָט דיך ליב? איז עס אמת?

„יאָ, אָבער ער האָט ניט געמיינט קיין שלעכטס, — האָט זי זיך כּמעט ווי געבעטן.

„וואָס ער האָט געמיינט, וועט שוין שפּעטער באַוויזן ווערן, — האָט דער הונט געלאַכט סאַדיסטיש.

„און דו האָסט געשריגן: לאָז מיך אָפּ! אמת?

„איז אמת, אַז דו האָסט געשריגן: נעם אַראָפּ דיינע שמוציקע לאַפּעס פון מיר, דו נעגער? אמת?

„יאָ, אָבער...

„האָסט אויך געשריגן: אַרויס פון דאַנען? אמת? ענטפער, איז דאָס אמת?

אַזוי איז פאַרפלאָכטן געוואָרן קעגן מיר אַ שרעקלעכע נעץ. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אין געריכט, אַז איך האָב, הייסט עס, געוואָלט פאַרגוואַלדיקן פרענסיסן.

„בלויז פינף מינוט און איך בין געפונען געוואָרן שולדיק. איך האָב געקראָגן צען יאָר.

„נו, וואָס קענסטו מיר העלפן?"

עס איז מיר געוואָרן שווער אויפן האַרצן. איך בין געווען זיכער, אַז דער יונגער בחור האָט דערציילט דעם ריינעם אמת. אָבער עס איז אויך קלאָר געווען, אַז עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט אים אַרויסצוראַטעווען פון טורמע.

„פרעד, איך וועל דיר זאָגן דעם ריינעם אמת", האָב איך זיך געווענדט צו אים. „קיינער וועט דיר ניט גלויבן. די פאַקטן זענען קעגן דיר".

„וואָס מיינסטו מיט דעם?" איז פרעד אַ ביסל אויפגערעגט געוואָרן. „וועל איך דאָ מוזן פוילן גאַנצע צען יאָר?"

„קענסט דען באַווייזן, אַז ביסט געווען פרענסיסעס געליבטער? וואָס דענקסטו, מען וועט דיר גלויבן אויפן וואָרט? מען וועט דיך אויסלאַכן"...

„געוויס קען איך באַווייזן, אַז איך זאָג דעם אמת. זיכער קען איך באַווייזן", האָט פרעד גיך גערעדט און זיין אויפרעגונג איז געשטיגן.

„ווי אַזוי?"

„איך האָב עטלעכע מתּנות, וואָס זענען שטומע עדות. זיי קענען ניט רעדן. איך האָב בריוו. אירע בריוו האָב איך!"

איך האָב אַ ציטער געטאָן פון פרייד.

„טאָ וואָס שווייגסטו, אייזל!" האָט דעניעל אויסגעשריגן. „וואָס שרייבט זי אין די בריוו? ווען האָסטו געקראָגן די בריוו?"

פרעד האָט גיך און מונטער גערעדט: „איינמאָל איז מיין מאַמע קראַנק געוואָרן. פיר וואָכן איז מיין מאַמע געלעגן צו בעט. איך האָב ניט געקענט אַרבעטן. איך בין געווען אינדערהיים מיט מיין קראַנקער מאַמען".

„האָט זי דעמאָלט געשיקט די בריוו?"

„יאָ".

„וויפל?"

„פֿיר. פֿיר בריוו האָט זי מיר געשיקט, און איך האָב זיי נאָך. מיין מאַמע האָט זיי".

„געדענקסט, וואָס זי האָט געשריבן ?"

„צי איך געדענק ?" האָט זיך פֿרעד צעלאַכט. „יעדעס וואָרט געדענק איך. אין איין בריוו שרייבט זי מיר:

„מיין ליבער, זיסער פֿרעד: — איך האָף, אַז דיין מאַמע וועט גיך געזונט ווערן. עס איז אומעטיק און זייער שווער אָן דיר. איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז איך בין אין דיר אַזוי פֿאַרליבט. אָן דיר, פֿרעד, זענען מיינע טעג פּוסט, און די נעכט אומעטיק. גאָט זאָל העלפֿן, אַז דיין מאַמע זאָל וואָס גיכער געזונט ווערן, און זאָלסט צוריקקומען צו מיר. אייביק דיינע, פֿרענסיס.

„פּ. ס. איך טרייב אַליין דעם אויטאָמאָביל. איך וויל ניט, אַז עמעצער זאָל פֿאַרנעמען דיין פּלאַץ לעבן מיר. איך האָף, אַז דו שאַצסט דאָס אָפּ ריכטיק".

„זי קען שיין שרייבן, די מכשפֿה", האָט זיך דעניעל הילכיק צעלאַכט.

„הער, פֿרעד, די בריוו קענען פֿאַר דיר עפֿענען די טירן פֿון פּריזאָן. דאַכט זיך, אַז קענסט קריגן אַ נייעם פּראָצעס. גיב מיר די בריוו, און איך וועל זיך באַראָטן מיט אַ גוטן אַדוואָקאַט".

צוויי שוואַרצע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. „יאָ ?" — האָט פֿרעד אַ פֿריילעכער אויסגעשריגן.

„יאָ, איך בין כּמעט ווי זיכער".

„נאָ דיר מיין רינג! זעסט דעם גרויסן גאָלדענעם רינג, וואָס איך טראָג? דאָס איז איינע פֿון די מתּנות, וואָס פֿרענסיס האָט מיר געגעבן. נעם דעם רינג", האָט פֿרעד גיך גערעדט, „און ברענג אים צו מיין מאַמען. איך וועל איר שרייבן וועגן דעם. ווען איר וועט זען דעם רינג, וועט זי דיר געבן די בריוו".

ער איז געשטאַנען האַרט לעבן מיר. ער האָט מיט זיין צונג באַנעצט זיין פֿינגער, און האָט האַסטיק אָנגעהויבן אַרונטערצוציען דעם גאָלדענעם רינג פֿון זיין פֿינגער.

פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט אויסגעגלאָצט זיינע אויגן אויף מיר:

„וואָס זאָגסטו, איך קען קריגן אַ נייעם פּראָצעס? וועט מען דאַרפֿן פֿאַרלייענען אירע בריוו אין געריכט?"

„געוויס".

פֿרעד האָט אַריינגעשטעקט זיינע הענט אין די קעשענעס, און מיך מאָדנע קאַלט אָנגעקוקט. קאַלטע ווערטער זענען געפֿאַלן צו דער ערד, ווי פֿאַרפֿרוירענע פֿייגל:

„מען וועט לייענען די בריוו... מען וועט אויסגעפֿינען דעם אמת... די צייטונגען וועלן טומלען וועגן דעם... אירע פֿריינט און איר פֿאַמיליע וועלן זי פֿאַרדאַמען... איר גאַנץ לעבן וועט רואינירט ווערן... אַ נעגערס געליבטע! — וועט מען אויף איר... — ניין! ניין!" האָט פֿרעד געשאָקלט מיטן קאָפּ. „ניין, פֿרענסיס, איך וועל דאָס ניט טאָן! איך וועל בעסער פֿוילן דאָ מיין גאַנץ לעבן".

„פֿרעד?!"

„ניין! ניין, מיינע פֿריינט!... אַ דאַנק! אַ גרויסן דאַנק אייך! איך קען ניט, איך"... ער האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן.

ררר... ררר... דער טורמע־גלאָק האָט זיך צערעוועט. די סוף־ווינטערדיקע זון איז פֿאַרדעקט געוואָרן מיט שוואַרצע כמאַרעס. עס איז געוואָרן קאַלט און ווינטיק. די צוויי שעה פֿרייהייט האָבן זיך געענדיקט. די אַרעסטאַנטן זענען צוריק אַריין אין זייערע קעמערלעך, יעדער מיט זיין אומעט און זיין פּיין.